Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 16, נומער 2 (77) — אָדר תשע״א/פֿעברואַר 2011

# חנוכּה פֿון חנוכּה־לאַנד[1] !

## דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער[2] האָט אַ נײַע היים












זאָגט דעם אמת[3] : איר האָט זיכער עטלעכע מאָל געטראַכט אַז עס וועט נישט פֿאָרקומען. וואָס ? די דערעפֿענונג[4] פֿון אונדזער נײַעם לאָקאַל. איז דאָס אַ נס[5] : דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער האָט געפּראַוועט[6] אַ חנוכּת־הבית[7] און דווקא[8] חנוכּה־צײַט ! אין דער אמתן[9] דאַרפֿן מיר מודה זײַן[10] אַז דער נס באַשטייט אין שוויס, טרערן און האָרעוואַניע[11]... דעם 28סטן נאָוועמבער האָט מען געפּראַוועט די דערעפֿענונג פֿאַרן ברייטן עולם[12] און דעם 2טן דעצעמבער די אָפֿיציעלע דערעפֿענונג. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן מיט רעדעס וואָס זענען שטאַרק געפֿעלן די צוהערערס. עס האָבן אַוודאי[13] גערעדט אָנפֿירער פֿון אונדזער צענטער, ווי אויך פֿאָרשטייער[14] פֿון די אינסטיטוציעס וואָס האָבן אונדז געשטיצט[15], ווי די שטאָט פּאַריז, די מלוכה[16] און די פֿונדאַציע פֿאַרן חורבן־אָנדענק[17]. מיר האָבן אויסגעהערט זיבן רעדעס ! זיבן רעדעס פֿאַר זיבן ליכט ! האָט דאָך געפֿעלט איין ליכט צום חנוכּה־לאָמפּ[18] ! איז אָבער דערנאָך געקומען די מוזיק. עריק סלאַביאַק און פֿראַנק אַנאַסטאַזיאָ[19], און דוד קראַקאַוער[20] האָבן אײַנגעהילט דעם אָוונט אין חן[21], יעדער מיט זײַנע אייגענע קאָלירן : האַרציקייט און עמאָציע, געפֿיל און ברען, אָדער משוגענע[22] אימפּראָוויזאַציעס. און דעם 28סטן נאָוועמבער האָבן די ווענט געקלונגען מיט אונדזערע אייגענע מוזיקער : דער כאָר[23] אונטער דער אָנפֿירונג פֿון שורה ליפּאָווסקי[24] און די קלעזמאָרים מיט מאַרט דראָזיער וואָס האָבן אונדז פֿאַרשאַפֿן אַ סך הנאה[25], ווי געווײנטלעך. מען האָט געזונגען, געטרונקען, געלאַכט און געגעסן. בקיצור[26], אַ חנוכּת־הבית אַ פֿריילעכער און אַ היימישער ווי עס באַדאַרף צו זײַן !

איצט לאָמיר רעדן תּכלית[27] : דעם נײַעם לאָקאַל, וואָס זײַנע 600 קוואַדראַט מעטער[28] גיבן אַ סך מעגלעכקייטן, דאַרפֿן מיר אויסניצן פֿאַר שיינע און אינטערעסאַנטע אַקטיוויטעטן. צו ערשט און דער עיקר[29] איז דאָס האַרץ פֿונעם צענטער, די ביכער־זאַמלונגען פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, אין אַ בכּבֿודיקן[30] אָרט וואָס די געסט האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן. און באַלד מיט דעם חנוכּת־הבית האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסשטעלונג[31] („400 יאָר ייִדישע ביכער“, זעט ז' 2) אַרום וועלכער עס קומען פֿאָר אַ ריי רעפֿעראַטן[32]. און אַלע אַנדערע טעטיקייטן[33] (לעקציעס, פֿאָרשטעלונגען, וואַרשטאַטן[34]...) קען מען שוין איצט אויסברייטערן. נו, וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט !

1. kha'nuke … un Hanouca remarquable/a remarkable Hanukka 2. Maison de la culture yiddish, 29 rue du Château d'Eau, 75010 Paris, www.yiddishweb.com 3. emes vérité/truth 4. inauguration 5. nes miracle 6. célébré/celebrated 7. khanukes-haba'is inauguration 8. dafke justement/precisely 9. … e'mesn à vrai dire/actually 10. moyde … avouer/admit 11. dur labeur/hard work 12. … oylem grand public/general public 13. avade bien sûr/of course 14. représentants/representatives 15. subventionné/subsidized 16. melukhe État/state 17. … khurbn … Fondation pour la mémoire de la Shoah/Shoah Foundation 18. chandelier de Hanouca/Hanukka lamp 19. du groupe/from the group Les Yeux noirs 20. le clarinettiste/the clarinetist David Krakauer 21. kheyn charme/charm 22. meshu'gene folles/wild 23. chorale/choral group 24. shure Lipovsky 25. hanoe plaisir/pleasure 26. bekitser bref/in short 27. takhles les choses sérieuses/get down to business 28. mètres carrés/square meters 29. … iker le plus important/the most important 30. beko'vedikn d'honneur/of honor 31. exposition/exhibition 32. série de conférences/series of lectures 33. activités/activities 34. ateliers/workshops.

# 400 יאָר יִדישע ביכער

אַ סך פֿון אײַך האָבן שוין געהאַט אין די הענט הײַנטצײַטיקע יִדישע ביכער אָדער אַפֿילו[1] עלטערע אויסגאַבעס[2], ווי צום בײַשפּיל אַ ראָמאַן פֿון שלום־עליכם[3] אַרויסגעגעבן אין די צוואַנציקער יאָרן. אָבער וויפֿל מענטשן האָבן געזען אַ יִדישע איבערזעצונג פֿון עריך מאַריאַ רעמאַרק אָדער אַ האַנטבוך ווי צו דערגרייכן דערפֿאָלג אין דער ליבע ? אַזעלכע און נאָך אַ סך אַנדערע פּובליקאַציעס קען מען באַוווּנדערן[4] אינעם פּאַריזער יִדיש־צענטער ביזן 31סטן מאַרץ, אויף דער אויסשטעלונג „400 יאָר יִדישע ביכער".


קוּא בוך







די ערשטע אויסשטעלונג אין דער נײַער דער היים פֿונעם פּאַריזער יִדיש־צענטער איז געווידמעט[5] דער געשיכטע פֿון יִדישן געדרוקטן בוך אין די זאַמלונגען פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק. אויף עלף אילוסטרירטע טאָוולען[6] ווערט פֿאָרגעשטעלט די רײַכע ירושה[7] פֿון יִדישן בוכוועזן[8] : פֿון דער אַלט־יִדישער ליטעראַטור איבער די קלאַסיקער און דער בליצײַט[9] פֿון דער צווישנמלחמהדיקער תּקופֿה[10] ביז דעם חורבן[11] און די הײַנטיקע פּובליקאַציעס. די פֿאַרשיידנאַרטיקייט[12] פֿון די יִדישע אויסגאַבעס ווערט אָפּגעשפּיגלט[13] דורך טאָוולען געווידמעט באַזונדערע זשאַנערס : קינדער־ליטעראַטור, איבערזעצונגען צי פּאָליטישע ביכער. אין די וויטרינעס זעט מען עקזעמפּלאַרן פֿון די יקר־המציאותן[14] פֿון פֿאַרשיידענע תּקופֿות : אַ בוך וועגן יִדיש פֿון אָנהייב 18טן י"ה[15], אַנגעשריבן דורך אַ דײַטשישן גלח[16] (וואָס נעמט אַרײַן אַ יִדישן הויפּעפּאָס וועגן דעם קעניג אַרטוס[17]), די חד־גדיא[18] אילוסטרירט דורך דעם אַוואַנגאַרד־קינסטלער אליעזר ליסיצקי[19] אָדער אַ וועגווײַזער[20] איבער קורערטער[21] אין פּוילן פֿון די דרײַסיקער יאָרן. עטלעכע פֿון זיי זענען אמתע[22] קונסטווערק, אילוסטרירטע דורך יִדישע מאָלער ווי מאַרק שאַגאַל, יוסף[23] טשײַקאָוו צי פּנחס שער[24].







די אויסשטעלונג ווערט באַגלייט דורך עטלעכע רעפֿעראַטן[25] (אין מאַרץ : אַלט־יִדישע ליטעראַטור און אויסגאַבעס פֿונעם נאָכמלחמהדיקן[26] וואַרשעווער פֿאַרלאַג[27] יִדיש־בוך), בשעת[28] וועלכע עס ווערן געוויזן אַנדערע זעלטענע ביכער פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק.



1. AFILE même/even 2. éditions 3. SHOLEM-ALEYKHEM 4. admirer/admire 5. consacré/devoted 6. panneaux/panels 7. YERUSHE patrimoine/heritage 8. domaine d'édition/publishing 9. apogée/flowering 10. ...MILKHO'MEDIKER TKUFE période de l'entre-deux-guerres/interwar period 11. KHURBN Shoah 12. diversité/diversity 13. reflété/reflected 14. YEKAR-HAMETSI'ESN livres rares/rare books 15. יאָרהונדערט siècle/century 16. GALEKH prêtre/clergyman 17. épopée de la cour du roi Arthur/legends of King Arthur's court 18. KHAD-GADYE chanson incluse dans la Hagada de Pessah/song from the Passover Hagada 19. ELIEZER El Lissitzky 20. guide/guidebook 21. stations thermales/spa resorts 22. E'MESE véritables/real 23. YOYSEF 24. PINKHES SHAR 25. conférences/lectures 26. NO'KHMILKHO'MEDIKN d'après-guerre/postwar 27. maison d'édition/publishing house 28. BESHA'S au cours/during.



# פֿאָרן ווינטערצײַט

איַי, דאָס פֿאַרגעניגן[1] פֿון פֿאָרן ! אַנטדעקן[2] נײַע לענדער, אָנקוקן שיינע שטעט, באַזוכן פֿרײַנד און משפּחה[3] אין ווײַטע ערטער. ווי זאָל מען בעסער פֿאַרברענגען[4] די וואַקאַציעס, ווי מאַכנדיק אַ שיינע רײַזע ! ווינטער איז פֿאַר אַ סך מענטשן טאַקע אַ צײַט פֿון פֿאָרן – אויף אורלויב[5] אין וואַרעמע מדינות[6] פֿאַר די וואָס האָבן ליב העכערע טעמפּעראַטורן, זיך צו נאַרטלען[7] אין די בערג פֿאַר ספּאָרט־ און קעלט־ליבהאָבערס אָדער צו פֿאַרברענגען די סילוועסטער־נאַכט[8] מיט טענץ און שאַמפּאַניער. געוויינטלעך פֿאָרט מען מיטן אויטאָ, מיט דער באַן אָדער מיטן אַוויאָן. און אַז מע פֿאָרט – דערפֿאָרט מען[9]. נאָר הײַיאָר[10] אין פֿראַנקרײַך איז דאָס ניט געווען אַזוי פּשוט[11]. אַ סך אַוויאָנען זענען ניט אָפּגעפֿלויגן אָדער האָבן ניט געלאַנדט[12], מיט אויטאָס איז געווען שווער אַדורכצופֿאָרן און באַנען האָבן זיך פֿאַרשפּעטיקט אַפֿילו[13] אויף צען שעה[14]. פֿאַר וואָס ? – קען פֿרעגן אַ ניט אינפֿאָרמירטער אויסלענדער[15]. צוליב[16] דעם שניי. וויפֿל צענטימעטער ? צען אין דעם ערגסטן מאָמענט. דאָס איז אַלץ ? און צוליב דעם פֿראָסט[17] אויך. וויפֿל גראַד[18] ? ביז מינוס פֿינף. און דאָס איז געווען גענוג צו פּאַראַליזירן האַלב פֿראַנקרײַך עטלעכע טעג אין דעצעמבער ? נו, יאָ... צי מיינט דאָס אַז מע וואָלט געדאַרפֿט זיך פֿרייען מיט דער גלאָבאַלער אויפֿוואַרעמונג[19] און מיט דעם וואָס ווינטערס מיט שניי קומען פֿאָר אַלץ זעלטענער[20] אין פֿראַנקרײַך ? אָדער פֿאַרקערט[21], דאָס האָט אפֿשר[22] דווקא[23] די גלאָבאַלע אויפֿוואַרעמונג אין גאַנצן צעמישט[24] דעם קלימאַט און האָט געברענגט אַזאַ אומגעוויינטלעכן[25] ווינטער הײַיאָר ? אין די לאַנגע ווינטערנעכט וועלן מיר האָבן אַ סך צײַט זיך צו שטעלן אַזעלכע פֿראַגעס.

דערווײַל, אויב אויך איר האָט דעם ווינטער געהאַט פּראָבלעמען אַוועקצופֿאָרן, האָבן מיר אין דעם *טעם־טעם*־נומער אַ פּאָר באַריכטן[26] פֿון אַנדערע לענדער – אַזוי אַרום קענט איר שוין פּלאַנירן די קומענדיקע וואַקאַציעס...

1. plaisir/pleasure 2. découvrir/discover 3. MISHPOKHE famille/family 4. passer/spend 5. congé/vacation, leave 6. MEDINES pays/countries 7. faire du ski/go skiing 8. Saint-Sylvestre/New Year's Eve 9. on arrive/you get there 10. cette année/this year 11. POSHET simple 12. atterri/didn't land 13. AFILE même/even 14. SHO heures/hours 15. étranger/foreigner 16. à cause de/because of 17. gel/frost 18. degrés/degrees 19. réchauffement climatique/global warming 20. de plus en plus rarement/more and more seldom 21. au contraire/just the opposite 22. EFSHER peut-être/perhaps 23. DAFKE justement/precisely 24. perturbé/disturbed 25. inhabituel/unusual 26. comptes rendus/reports.

דאָס ליד האָט אָנגעשריבן אַ תּלמידה[1] פֿון די ייִדיש־קורסן און אַ מיטאַרבעטערין פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער.

## שניי, שניי, שניי

פֿון ניקאָל ווײַמאַן[2]



שניי אין דער לופֿטן
שניי איבער דעכער און קוימענס[3]
אויפֿן באַלקאָן־געלענדער[4] – שניי
ווײַסע פֿעדערן הוידען זיך[5], שאָקלען זיך, קײַקלען זיך,
געוויגט פֿון קאַלטן ווינט, דעם, וואָס טרײַבט אַוועק
די געפֿאַלענע בלעטער, ברוינע, געלע : דער ווינט
וואָס פֿײַפֿט און זינגט זײַן אייביקן, ווינטערדיקן ניגון[6].
עס פֿאַלן פֿינקלדיקע פֿלאַטערלעך[7] וואָס פֿאַרשנייען
און פֿאַרווײַסן די גאַנצע שטאָט.

אין מיטן טאָג איז דער הימל טונקל געוואָרן.



גראָע, שוואַרצע כמאַרעס[8] קײַקלען זיך, שטופּן זיך
אַזוי ווי ווילדע חיות[9] אין כּעס[10].

פּלוצעם טוט אַ ווינט צעשטערן די וואָלקנס.
צווישן זיי שטראָמט אַרויס אַ ליכטיק פֿינגערל.
אָבער עס פֿאַרמאַכן זיך באַלד
די שוואַרצע טויערן אין הימל
און שניי פֿאַלט ווידער אָן אַ שיעור[11].



ביסלעכווײַז ווערט דער גאָרטן פֿאַרדעקט
מיט אַ פּוכיקער קאָלדרע[12].

אַפֿילו[13] די שפּיצן פֿון די ביימער, אַלע צווײַגן,
די לעצטע געבוירענע בלימעלעך און גראָזן,
אַלצדינג פֿאַרשווינדט אַרום אין אַ ווײַסן חלום[14].



מיט אַ מאָל, אָט דאָ, אין מערבֿ[15], באַווײַזט
זיך די לבֿנה[16]. איר מילכיק פּנים[17]
באַלויכט די וואָלקנס
און צעשנײַדט זיי אין ליכטיקע
שפּיצן.



פֿאַרשנייטע וועלט.
נשמות[18] געפֿרוירענע.
ווערטער אָן עכאָ,
פֿראַגעס אָן ענטפֿערס.
נאַכט פֿאַרזונקען אין שטילקייט.

1. TALMIDE étudiante/student 2. Nicole Wajman 3. cheminées/chimneys 4. balustrade 5. se balancent/sway 6. NIGN mélodie/melody 7. papillons étincelant/glimmering butterflies 8. nuages/clouds 9. KHAYES animaux/animals 10. KAS colère/anger 11. ... SHIER sans fin/endlessly 12. couverture duveteuse/fleecy blanket 13. AFILE même/even 14. KHOLEM rêve/dream 15. MAYREV ouest/west 16. LEVONE lune/moon 17. PONEM visage/face 18. NESHOMES âmes/souls.



# צוריק אין בערלין : אַ נסיעה[1] דורך די פֿאַרגאַנגענהייטן

## פֿון העלען חדש[2]

איך האָב געוווינט עטלעכע חדשים[3] אין בערלין אין 1977. איך האָב אַפֿילו[4] געוווינט און געאַרבעט אין מיזרח[5]־בערלין, אין דער „הויפּטשטאָט פֿון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק", אַ מדינה[6] וואָס איז מער נישטאָ. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט ווי אַן אַפּליקאַנטין[7] אין דער פֿראַנצייזישער אַמבאַסאַדע.

איך בין נאָך אַהין געפֿאָרן אַ סך מאָל אין די ווײַטערדיקע יאָרן, דער עיקר[8] צווישן 1987 און 1991, ווען איך האָב געוווינט אין באָן, געפֿאָרן צוליב דער אַרבעט און אויך צו גאַסט צו מײַנע בערלינער חבֿרים[9]. איך בין דאָרטן געווען דעם 9טן נאָוועמבער 1989 – אָבער האָב זיך ערשט אויף צו מאָרגנס דערוווּסט וואָס איז געשען. איך בין דאָרטן געווען ניטל[10] דעם זעלביקן יאָר און בין געגאַנגען איבער דער גליניקער בריק[11], ניט אין נעפּל און אין דער פֿינצטער ווי אין די שפּיאָנאַזש־פֿילמען, נאָר אונטער אַ פּראַקטיקער זון און אין מיטן אַ ריזיקן און פֿריילעכן המון[12] : די קאַלטע מלחמה[13], דאַכט זיך, האָט זיך אויפֿגעלייזט[14] אין זון.

אָבער איך בין שוין לאַנג מער ניט געפֿאָרן קיין בערלין, כּמעט[15] צוואַנציק יאָר. דאָס לעצטע מאָל האָט מען נאָך ניט געענדיקט אַראָפּצורײַסן די מויער, און די צוויי טיילן פֿון דער שטאָט זענען נאָך געווען זייער פֿאַרשיידן. איך ווייס אַז די שטאָט האָט זיך שטאַרק געביטן. איך האָב געזען פֿאָטאָגראַפֿיעס. און ווען הײַיאָריקן[16] אָקטאָבער קום איך אָן אין בערלין, וואַרט איך אויף אַ שאָק. וועל איך דערקענען די ערטער, צוריקגעפֿינען מײַנע דערמאָנונגען ? אָדער וועל איך פֿילן „אָסטאַלגיע"[17], ווי זיי זאָגן (בענקעניש[18] צום אַמאָליקן מיזרח־דײַטשלאַנד) ?

מען קען צעטיילן בערלין אויף דרײַ טיילן : די קוואַרטאַלן וואָס זענען געווען אין פֿריִערדיקן מערבֿ[19]־בערלין, די וואָס זענען געווען מיזרח־בערלין, און דער צווישן, די זאָנע וווּ די מויער איז אַ מאָל געשטאַנען מיט אַלץ וואָס האָט צו איר צוגעהערט, פּוסטע, פֿאַרצאַמטע שטרײַפֿן[20], גראָבנס[21], וואַכטורעמס[22] און אין געוויסע ערטער – אַ צווייטע מויער.

קודם־כּל[23] האָב איך געזען דאָס אַמאָליקע מערבֿ־בערלין : עס האָט זיך ווייניק געענדערט. ווייניקער ווי לאָנדאָן, למשל[24], אַפֿילו ווען אין בערלין ווי אין לאָנדאָן און פּאַריז הערשט, נאָך מער ווי מיט צוואַנציק אָדער דרײַסיק יאָר צוריק, די עבֿודה־זרה[25] פֿונעם גילדערנעם קאַלב[26].

אין דער מיזרח־טייל שטאָט דערקען איך כּמעט אַלע ערטער, ניט געקוקט[27] אויף די גרויסע ענדערונגען. עס בלײַבן נאָר ווייניק שפּורן פֿון דער פֿריִערדיקער מאַכט.

קיין „אָסטאַלגיע" האָב איך ניט געפֿילט. די אַלטע קוואַרטאַלן פֿון בערלין־מיט[28], וווּ עס זענען געשטאַנען ס׳רובֿ[29] היסטאָרישע בנינים[30], אָבער אויך צום מײַסטן אַלטע, אײַנגעפֿאַלענע ווינונגען, זענען אַ סך שענער ווי פֿריִער. מע האָט זיי רעמאָנטירט[31] זייער זאָרגעוודיק. זיי איז געבליבן זייער כאַראַקטער, זייער חן[32], אַפֿילו אויב אין עטלעכע ערטער זענען דאָ צו פֿיל טוריסטן־געשעפֿטן וואָס קענען אַ מאָל שאַפֿן אַ קינסטלעכע[33] שטימונג, ווי אין אַלע אַלטע קוואַרטאַלן פֿון די גרויסע אייראָפּעיִשע שטעט.

איך האָב זיך אַ ביסל געקווענקלט[34] איידער איך האָב דערקענט דעם בנין וווּ איך האָב אַ מאָל געאַרבעט און געוווינט. דער עיקר האָב איך דערקענט דעם הויכן, שווערן מויער[35], אַ טיפּישן פֿאַר דער גרינדער־צײַט[36]. פֿרעמד איז דאָס אַלץ מיר געוואָרן אַ ביסל, אָבער נאָך אַלץ גענוג היימיש.

די גרויסע סטאַלינישע בנינים פֿון דער קאַרל־מאַרקס־אַלע זענען ניט שענער און ניט ווייניקער טרויעריק ווי דעמאָלט. אַלעקסאַנדער־פּלאַץ האָט זיך חידושדיק[37] ווייניק געביטן : ער איז נאָך אַלץ אָן פֿאָרעם. דאָרטן איז ניט מעגלעך קיין חנעוודיקע[38] שטימונג, ניטאָ קיין קליידער־געשעפֿטן, ניטאָ קיין קונסט־גאַלעריעס, ניטאָ קיין קאַפֿעען אין דער מאָדע. דער טעלעוויזיע־טורעם קוקט נאָך אַלץ אַראָפּ אויפֿן אַלטן קליינעם מאַריע־קלויסטער, גלײַך ווי ער וואָלט געוואָלט אים צעשטויסן. פֿאַר וואָס האָט מען אַראָפּגעריסן דעם פּאַלאַץ פֿון דער רעפּובליק און ניט דעם טעלעוויזיע־טורעם ?

אָבער אַ שאָק האָב איך יאָ געפֿילט אין די נײַע קוואַרטאַלן וואָס זענען

[סוף זײַט 5]



1. NESIE voyage/trip 2. Hélène Khodoss 3. KHADOSHIM mois/months, *sing.* חודש KHOYDESH 4. AFILE même/even 5. MIZREKH est/east 6. MEDINE État/state 7. stagiaire/intern 8. … IKER surtout/mainly 9. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* חבֿר KHAVER 10. Noël/Christmas 11. Glienicker Brücke, pont séparant Berlin Est et Ouest/bridge separating East and West Berlin 12. HAMOY'N foule/mob 13. MILKHOME guerre/war 14. dissous/dissolved 15. KIMA'T presque/nearly 16. de cette année/of this year 17. "Ostalgia", jeu de mots allemand, nostalgie de l'Est/pun in German, nostalgia for the East 18. nostalgie/nostalgia 19. MAYREV ouest/west 20. bandes vides et clôturées/empty, fenced-in strips 21. fossés/ditches 22. miradors/watchtowers 23. KOYDEM-KOL tout d'abord/first of all 24. LEMOSHL par exemple/for example 25. AVOYDE-ZORE idolâtrie/idolatry 26. veau d'or/golden calf 27. malgré/despite 28. Berlin-Mitte, aujourd'hui centre de Berlin/today center of Berlin 29. S'ROV la plupart/most 30. BINYONIM immeubles/buildings, *sing.* בנין BINYEN 31. renové/renovated 32. KHEYN charme/charm 33. artificiel/artificial 34. hésité/hesitated 35. *ici* immeuble/*here* building 36. Gründerzeit, "époque fondatrice" au XIX$^{e}$ s./"founding years" 19th C. 37. KHI'DESHDIK étonnament/surprisingly 38. KHE'YNEVDIKE charmant/charmant

אַנטשטאַנען[39] אויפֿן אָרט פֿון דער מויער, כאָטש איך האָב געוווּסט, פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלץ איז דאָ אין גאַנצן ניַי. איך שטיי דאָ אויף אַן אַנדערער וועלט, ווו אַלץ איז ניַי און פֿרעמד – אין דער שטאָט בין איך קיין מאָל ניט געווען : גאָרניט בשותּפֿות[40] מיט דעם בערלין וואָס איך האָב געקענט. אָבער איך קער זיך אום, אָדער איך גיי אַ פּאָר טריט, און פּלוצלינג דערזע איך אַלטע בנינים, אַ הויף, מיט דער טיפּישער, שטרענגער און עפּעס טרויעריקער בערלינער אַרכיטעקטור, ווי עס שטייען אַזוי פֿיל אין מיזרח־בערלין. אַן אַנדער פּלאַנעט, יאָ, אָבער אַ באַזייטער[41], דאָ און דאָרטן, מיט מיַינע דערמאָנונגען.
באַזונדערש צעטומלענדיק איז דער פּאָטסדאַמער פּלאַץ. דאָ האָט די געשיכטע אַלץ פֿאַרטיליקט[42] און נאָך 1961 איז דער פּלאַץ געלעגן הינטער דער מויער, אינעם פֿאַרצאַמטן שטריַיף. מען האָט ניט געפּרוּווט צו בויען אויף ס'ניַי דעם פּלאַץ ווי ער איז געווען פֿאַר דער מלחמה ; מען האָט בעסער געוואָלט, דאַכט זיך, צוריקקערן די אַמאָליקע שטימונג : עס שטייען דאָ דריַי וואָלקן־קראַצערס[43], וואָס וואָלטן געקענט אַרויסקומען פֿון דעם פֿילם „מעטראָפּאָליס“. נאָך גענויער דערמאָנען זיי פֿוטוריסטישע אַרכיטעקטור־צייכענונגען פֿון דער ציַיט פֿאַר דער מלחמה. צוריק אין פּאַריז האָב איך אַ זוך געטאָן אויף די פּאָליצעס, אַ קוק געטאָן אין קאַטאַלאָג פֿון אַן אויסשטעלונג פֿון 1977 אין בערלין, „טענדענצן פֿון די צוואַנציקער יאָרן“, און אָט זיַינען זיי דאָ, די צייכענונגען, זייער ענלעכע צו די היַינטיקע בנינים אויפֿן פּאָטסדאַמער פּלאַץ. מען איז צוריק אין די צוואַנציקער יאָרן. ניט דווקא[44] די אמתע[45] צוואַנציקער יאָרן : געטרוימטע צוואַנציקער יאָרן, וואָס נאָגן[46] היַינט די דיַיטשן.
דאָס וואָס איז מיר אויפֿגעפֿאַלן[47] אין בערלין אין 1977 און אויך שפּעטער איז, וואָס די פֿאַרגאַנגענהייט איז כּסדר געווען פֿאַראַנען[48] :
אַלץ האָט דערמאָנט די מלחמה, די חורבנות[49], די צעטיילונג פֿון דיַיטשלאַנד און פֿון בערלין... מען איז כּסדר צוריקגעפֿירט געוואָרן צו 1945 : „דיַיטשלאַנד, יאָר נול[50]“. היַינט איז דאָס יאָר נול שוין וויַיט, אָבער די פֿאַרשיידענע שיכטן[51] פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט שפּירט מען דאָך נאָך אַלץ. עדות[52] פֿון דעם איז, צווישן אַנדערע, דער אופֿן[53] ווי מע באַנעמט[54] די אידעאַליזירטע צוואַנציקער יאָרן. אויך זיַינען דאָ אין דער שטאָט עטלעכע מוזייען, אויסשטעלונגען און דענקמעלער[55] וועגן דער נאַצי־ציַיט.
איך האָב באַזוכט אַן אויסשטעלונג וועגן „בערלינס פֿאַרגעסענער מיט“. דורך אַלטע פֿאָטאָגראַפֿיעס זעט מען די ענדערונגען פֿונעם אַלטן מיטל־עלטערישן קערנדל[56] פֿון דער שטאָט, באַזונדערש פֿונעם אָנהייב אינדוסטריאַליזאַציע אָן : אַזוי ווי מע וואָלט געוואָלט דערמאָנען די בערלינער אַז ניט נאָר די רציחות[57] פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט האָבן געביטן דאָס פּנים[58] פֿון זייער שטאָט, אַז זיי דאַרפֿן נאָרען[59] וויַיטער, גראָבן טיפֿער, ביז דער גרינדערציַיט און נאָך פֿריִער צוריק.
אַזוי אַרום איז אַ נסיעה קיין בערלין פֿאַר מיר נאָך אַלץ אַ נסיעה אין עטלעכע פֿאַרגאַנגענהייטן : אין מיַין אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט אַוודאי[60], אָבער אויך אין די פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון דער דיַיטשער און אייראָפּעיִשער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס לאָזן ניט אָפּ[61] אין בערלין. אויב אַזוי – נישט קיין בענקעניש ? דאָך, דאָס בענקעניש איז יאָ געקומען, פּונקט ווען עס איז געווען ציַיט אַוועקצופֿאָרן. אָבער ניט קיין בענקעניש צו די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, ניט קיין פֿאַרדראָס[62], וואָס די שטאָט האָט זיך אַזוי געביטן. אמת, אַ מאָדנע געפֿיל, וואָס איך פֿאַרשטיי ניט אין גאַנצן. דאַכט זיך אַז די צוציִונג צו בערלין איז נאָך שטאַרקער ווי פֿריִער און עס גלוסט זיך מיר צו פֿאָרן אַהין נאָך אַ מאָל.



39. apparu/sprang up 40. BESHUTFES en commun/in common 41. parsemé/sprinkled 42. anéanti/destroyed 43. gratte-ciels/skyscrapers 44. … DAFKE pas exactement/not exactly 45. E'MESE vrais/real 46. hantent/haunt 47. ce qui m'a frappé/what struck me 48. KESEYDER … toujours présent/always present 49. KHURBOYNES destructions 50. année zéro/year zero 51. couches, strates/layers, strata 52. EYDES témoin/witness 53. OYFN façon/way 54. perçoit/grasp, comprehend 55. monuments 56. noyau/core 57. RETSIKHES violence 58. PONEM visage/face 59. creuser/dig 60. AVADE bien sûr/of course 61. ne laissent pas tranquille/don't let go 62. regrets.

**פֿאָטאָס פֿון בערלין : העלען חדש. אונטן רעכטס : אַרכיטעקטאָנישער פּראָיעקט פֿון וולאַדימיר טאַטלין.**










דער רײַזע־ביוראָ וואַליזקע[1], וואָס אָרגאַניזירט טעמאַטיק נסיעות[2] מיט אַ ייִדישער (פּוילן, אוקראַיִנע, טערקײַ און אַנדערע), האָט אויך אין זײַן פּראָגראַם אַ רײַזע אין אַרגענטינע. די טוריסטן באַזוכן בוענאָס־אײַרעס און די ייִדישע קאָלאָניעס. דעם לעצטן זומער האָבן אָנטייל גענומען 25 מענטשן, צווישן זיי שמואל גראָסמאַן[3], וואָס האָט פֿאַר אונדז אָנגעשריבן אַ קורצע געשיכטע פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

# ייִדישע גאַוטשאָס אין דער פּאַמפּאַ

## פֿון שמואל גראָסמאַן

*מאָזעסוויל[4], מײַן קליין שטעטעלע,*
*מאָזעסוויל, מײַן שיין היימעלע,*
*ביסט אַ ייִדישע מדינה[5],*
*ביסט אַ שטאָלץ פֿאַר אַרגענטינע, מאָזעסוויל !*

אין די יאָרן 1880, ווען עס זענען פֿאָרגעקומען די שרעקלעכע פּאָגראָמען קעגן ייִדן נאָך דעם מאָרד פֿונעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָט זיך די לאַגע[6] פֿון די ייִדישע מאַסן אין דער רוסישער אימפּעריע שטאַרק פֿאַרערגערט. דער באַנקיר באַראָן מאָריס (משה הירש[7], אַ גרויסער גבֿיר[8], טיף פֿאַרזאָרגט צוליב די צרות[9] פֿון די ייִדן אין מיזרח[10]־אייראָפּע, האָט זיך אונטערגענומען זיי צו העלפֿן.

אין דער זעלבער צײַט ווען אַרגענטינע האָט געוואָלט אַרײַנברענגען אימיגראַנטן וואָס זאָלן זיך באַזעצן אין די וויסטע[11] שטחים[12] פֿון דער פּאַמפּאַ, האָט ער געגרינדעט אין יאָר 1891 אין לאָנדאָן אַן אינסטיטוציע „דזשויִש קאָלאָניזיישן אַסאָסיעישן"[13] (ייִדישע קאָלאָניזאַציע־אַסאָציאַציע) און געקויפֿט 230 000 העקטאַר ערד אין דער פּראָווינץ ענטרע ריִאָס, צפֿון[14] פֿון בוענאָס־אײַרעס. דער ציל[15] פֿון דער אינסטיטוציע איז געווען צו ברענגען ייִדישע קאָלאָניסטן, זיי זאָלן זיך דאָרטן באַזעצן ווי פּויערים צו באַאַרבעטן די ערד.

שוין אין 1889, נאָך אַ לאַנגער רײַזע, האָט די שיף „וועזער" דערגרייכט בוענאָס־אײַרעס מיט 824 רוסישע ייִדן. זייער ערשטער ציל איז געווען זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישׂראל[16], נאָר דער טערקישער סולטאַן, וואָס האָט געהערשט איבער פּאַלעסטינע, האָט עס נישט צוגעלאָזט און זיי האָבן געמוזט אויסקלײַבן אַן אַנדער לאַנד. אַ טייל פֿון זיי האָט מען געשיקט אין מיטן פּאַמפּאַ. זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע ייִדישע קאָלאָניע – מאָזעסוויל (פּראָווינץ סאַנטאַ־פֿע).

אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע־אַסאָציאַציע פֿונעם באַראָן הירש פֿינאַנצירט און אויפֿגעשטעלט נײַע ייִדישע קאָלאָניעס : לוסיענוויל[17] (אין 1894), מאַוריציאָ, קלאַראַ און אַנדערע.

אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער באַזעצונג איז די לאַגע פֿון די קאָלאָניסטן געווען זייער אַ שווערע. אָנגעקומען אין אַ וויסטעניש[18], האָבן זיי געמוזט אויפֿשטעלן אַליין זייערע הײַזער, בתּי־מדרשים[19], שולן. זיי האָבן געליטן פֿון כּל־המינים[20] צרות : מגפֿות[21], הונגער, היישעריק[22], טריקענישן און פֿאַרפֿלייצונגען[23]. זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן ביז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פֿון די אָרטיקע „קריִאָללאָס"[24] און זענען געוואָרן ריכטיקע ייִדישע גאַוטשאָס.

דער ערשטער ציל פֿון דער אַסאָציאַציע איז געווען אַרײַנצוברענגען אין אַרגענטינע ביז דרײַ מיליאָן קאָלאָניסטן, נאָר די שווערע באַדינגונגען און דער טויט פֿון דעם באַראָן אין 1896 האָבן עס נישט דערלויבט.

אין יאָר 1915 האָבן געלעבט אין די קאָלאָניעס 25 000 ייִדן. צווישן 1915 און 1930 זענען 400 ייִדן אָנגעקומען אויך פֿון דײַטשלאַנד.

אין די קאָלאָניעס האָבן זיך אַנטוויקלט פֿאַרשיידענע טעטיקייטן[25]. מען האָט געבויט שולן און מיקוואָות[26], שולן פֿאַר קינדער, ביבליאָטעקן, עס האָבן געשפּילט טעאַטערס. עס האָבן זיך געגרינדעט קאָאָפּעראַטיוון.

ווען אין דער הויפּטשטאָט בוענאָס־אײַרעס איז אויפֿגעקומען אַ גרויסער ייִדישער ייִשובֿ[27], זענען טייל ייִדן פֿון די קאָלאָניעס אַריבער אין שטאָט. דאָרטן האָבן זיי געהאַט אַ וויכטיקן אָנטייל אינעם קולטור־לעבן. דעמאָלט האָבן אין בוענאָס־אײַרעס געשפּילט ייִדישע טעאַטערס פֿון דער גאַנצער וועלט, עס זענען דערשינען טאָג־צײַטונגען אויף ייִדיש – און אַפֿילו[28] אין דעם דערפֿאָלג פֿון טאַנגאָ האָבן אַ סך ייִדישע אַרטיסטן געשפּילט אַ ראָלע.

אַרגענטינער ייִדן זענען שטאָלץ מיט דער געשיכטע פֿון זייערע אַגראַר־קאָלאָניעס און פֿרייען זיך צו באַקענען דערמיט די געסט פֿון דער פֿרעמד.



D.R.



1. Valiske (www.valiske.com) 2. NESIES voyages/trips 3. ShMUEL Grosman 4. Moisés Ville 5. MEDINE pays/country 6. situation 7. MOYShE Maurice de Hirsch (1831-1896) 8. GVIR millionnaire 9. TSORES souffrances/suffering 10. MIZREKh de l'Est/eastern 11. déserts/deserted 12. ShTOKhIM régions 13. Jewish Colonisation Association (JCA) 14. TSOFN au nord/north of 15. but/aim 16. ERETS-YISROEL Terre d'Israël /Land of Israel 17. Lucienville 18. désert 19. BOTE-MIDROShIM maisons de prière/prayer houses 20. KOLAMINIM toutes sortes/all sorts 21. MAGEYFES épidémies/epidemics 22. sauterelles/locusts 23. inondations/floods 24. *criollos* autochtones/natives 25. activités/activities 26. MIKVOES bains rituels/ritual baths, *sing.* מיקווה MIKVE 27. YIShEV communauté juive/Jewish community 28. AFILE même/even.

# טעאָדאָר הערצל און דער נײַער אופֿן[1] צו פֿאָרן

## פֿון עוויטאַ וויעצקי

דער קליינער יִדישער מוזיי אינעם עסטרײַכישן שטעטל האָענעמס[2] האָט צונויפֿגעשטעלט אַ ווונדערלעכע אויסשטעלונג[3] וועגן די פֿאַרשיידנמיניקע[4] באַציִונגען צווישן יִדן און די אַלפּן־בערג.

די אויסגעשטעלטע עקספּאָנאַטן[5] נעמען אַרום כלערליי[6] אַספּעקטן פֿון אָט־די באַציִונגען : פֿאַר וואָס זענען יִדן אַהינגעפֿאָרן, וואָס האָבן זיי דאָרטן געזוכט און געפֿונען, ווי אַזוי האָבן זיי זיך באַטייליקט אין דער עטנאָגראַפֿישער און מעדיציִנישער פֿאָרשונג[7], געפֿירט סאַנאַטאָריעס און כשרע[8] האָטעלן, געוואַנדערט, געקלעטערט[9], פֿילאָזאָפֿירט און געשריבן. די אויסשטעלונג דערציילט פֿון אַ גרויסער פֿאַרכאַפּטקייט[10] און ליבשאַפֿט צו די דאָזיקע בערג. פֿון דאַנען נעמט זיך אויך דער טיטל „צי האָסטו געזען די אַלפּן מײַנע ?“ ; דער באַקאַנטער פֿראַנקפֿורטער נעאָ־אָרטאָדאָקסישער רבֿ[11] שמשון־רפֿאל הירש[12] זאָל אַ מאָל האָבן געזאָגט, אַז ווען ער וועט שטיין פֿאַרן אייבערשטן[13], וועט יענער אים שטעלן אָט־די פֿראַגע. אין דער אויסשטעלונג זענען דאָ אָן אַ שיעור[14] אינטערעסאַנטע עקספּאָנאַטן. אַ באַזונדערע אַטראַקציע איז אַן אַלטער „אָפּעל וויקטאָריאַ בליץ“. אויב איר מיינט, אַז דאָס איז אַן אויטאָמאָביל, האָט איר אַ טעות[15]. ס'איז אַ וועלאָסיפּעד, און זײַן באַזיצער אין אָנהייב פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט האָט געהייסן טעאָדאָר הערצל.



דאָ אונטן :
הערצל און זײַן ראָווער.

געלערנט פֿאָרן האָט הערצלען דער ווינער יִדישער שרײַבער אַרטור שניצלער בשעת[16] זומער־וואַקאַציעס 1894 אין דעם אַלפּינישן קוראָרט אַוסזע[17]. אין יענער צײַט האָט זיך געזאַמלט אַרום שניצלערן אַ גאַנצע מחנה[18] יִדישע שרײַבער פֿון ווין און אַלע זענען זיי געווען פֿאַרכּישופֿט[19] פֿון דעם נײַעם טראַנספּאָרט־מיטל. די געשווינדקייט, דער ווינט אין די האָר, די פֿרײַהייט צו פֿאָרן וווּהין און ווען מע וויל, האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם[20] אויף די אינטעלעקטואַלן. הערצל האָט אָבער אויך אין דעם דאָזיקן ענין[21] געזען אין דער צוקונפֿט אַרײַן : די ווונדערלעכע וועלאָסיפּעדן וועלן ברענגען צו געזעלשאַפֿטלעכע[22] ענדערונגען באַלד נאָך דעם ווי דער וועלאָסיפּעד וועט זײַן גענוג ביליק פֿאַר די פֿאָלקסמאַסן.

אין 1896 פּובליקירט ער אין אַ ווינער טאָגצײַטונג אַן אַרטיקל וועגן דעם ענין. ער איז באַגײַסטערט פֿון פֿאָרן באַרג אַרויף באַרג אַראָפּ, פֿון נײַ אַנטדעקטע פּייזאַזשן, אָבער אויך פֿון די נײַע מעגלעכקייטן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. ער דערמאָנט דעם אַרבעטער, וואָס קען, אַ דאַנק דעם ראָווער[23], גיכער אַהיימקומען פֿון דער אַרבעט, וווינען אין אַן אָפּגעלעגענער[24] אָבער געזינטערער און ביליקער געגנט, באַקענען זיך און זײַנע קינדער מיט דער נאַטור, אאַ"וו[25]. אינעם זעלביקן אַרטיקל שרײַבט ער אָבער אויך וועגן בעל־מלאכות[26] און סוחרים[27] וואָס קלאָגן זיך אַז זיי פֿאַרלירן אַ טייל פּרנסה[28] צוליב דעם וועלאָסיפּעד : די ציקליסטן דאַרפֿן ווייניקער שיך, שפּילן ווייניקער אויף דער פּיאַנע, לייענען ווייניקער צײַטונגען און ביכער און... רייכערן ווייניקער.

ער זאָגט פֿאָרויס, אַז דער וועלאָסיפּעד וועט רעוואָלוציאָנירן דאָס פֿאָרן, מען וועט ווידער ניצן די שיינע שאָסייען[29] און וועגן, וואָס זענען געוואָרן פּוסט און ליידיק, ווײַל אַלע פֿאָרן מיט דער באַן. הערצל שרײַבט : „גאָרניט וועט זײַן צו נאָענט, גאָרניט צו ווײַט“. צי ער האָט זיך באַטייליקט אין ווײַטע, פֿאָר־טעגיקע אַרויספֿאָרן[30], ווייסן מיר ניט, אָבער פֿון שניצלערן, וואַסערמאַנען און אַנדערע איז יאָ באַקאַנט אַז זיי זענען געפֿאָרן אויפֿן וועלאָסיפּעד פֿון זאַלצבורג קיין מינכן[31] אָדער אַפֿילו[32] אַריבער די אַלפּן קיין איטאַליע. צום באַדויערן איז שוין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט אויס[33] „ציקלאָמאַניע“. די ציקליסטן דאַרפֿן אָפּגעבן די שיינע וועגן אין דער נאַטור אַ נײַער טעכנישער אינאָוואַציע, דעם אויטאָמאָביל, וואָס רופֿט אַרויס בײַ הערצלען אַ נײַע כוואַליע[34] באַגײַסטערונג פֿאַר דער – נאָך גיכערער – פֿאָרערײַ.

די אויסשטעלונג קען מען באַקוקן ביזן סוף[35] פֿעברואַר אין מינכן און דערנאָך אין דער שווייץ, אינעם מוזיי אין שוויץ[36] (אַפּריל ביז אויגוסט).




D.R.

1. OYFN façon/way 2. Hohenems 3. exposition/exhibition 4. variés/of various sorts 5. objets exposés/exhibited objects 6. KO'LERLEY toutes sortes/all sorts 7. recherche/research 8. KO'SHERE cachères/kosher 9. escaladé/climbed 10. enthousiasme/fascination 11. ROV rabbin/rabbi 12. SHIMSHN-REFOEL Hirsch 13. Dieu/God 14. ... SHIER un grand nombre de/a great many 15. ... TOES vous vous trompez/you're wrong 16. BESHA'S pendant/during 17. station thermale Aussee/health resort Aussee 18. MAKHNE bande, foule/host, multitude 19. FARKISHEFT enchantés/enchanted 20. ROYSHEM impression 21. INYEN sujet/subject 22. sociaux/social 23. vélo/bicycle 24. plus éloigné/more distant 25. און אַזוי ווײַטער etc. 26. BAL-MELOKHES artisans 27. SOKHRIM commerçants/shopkeepers, *sing.* סוחר SOYKHER 28. PARNOSE revenus/livelihood 29. routes/roads 30. excursions 31. Munich 32. AFILE même/even 33. fini/no more 34. vague/wave 35. SOF fin/end 36. Schwyz.

# געפֿינט די ווערטער – און פֿאָרט געזונט !

די ווערטער אינעם דיאַגראַם זענען אָנגעשריבן אָן נקודות[1] און אָן סוף־אותיות[2]. זיי שטייען האָריזאָנטאַל, ווערטיקאַל און דיאַגאָנאַל. די ווערטער קענען זיך קרייצן : מאַפּע[3], רוקזאַק[4], טוריזם, טשעמאָדאַן[5], ים[6], וואַקאַציעס, זון, פּאַס[7], נאַרטעס[8], ספּאָרט, נאַטור, רײַזע, בערג, באַזוך, וואַליזקע, באַן, ראָווער[9], פֿלי[10], פֿאָרן, שניי.

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ט | ר | נ | ע | א | כ | ו | ז | א | ב |
| ש | ו | ע | א | ר | ע | ר | ע | א | וו |
| ע | ק | ע | ע | ר | ז | א | נ | פֿ | א |
| מ | ז | י | ר | ו | ט | וו | ע | א | ל |
| א | א | ע | נ | ע | י | ע | ע | ר | י |
| ד | ק | ע | פּ | א | מ | ר | ס | נ | ז |
| א | ג | ר | ע | ב | ע | י | ל | פֿ | ק |
| נ | ײ | נ | ש | ט | ר | א | פּ | ס | ע |
| ס | ע | י | צ | א | ק | א | וו | ע | מ |
| ר | ו | ט | א | נ | ס | ע | ז | ײ | ר |

1. NEKUDES points voyelles/vowel points 2. SOF-OYSYES lettres finales/final letters 3. carte/map 4. sac à dos/rucksack 5. valise/suitcase 6. YAM mer/sea 7. passeport/passport 8. skis 9. vélo/bike 10. vol/flight.

[די ענטפֿערס אויפֿן שפּיל מיט ב׳]

1. באַר 2. באַק 3. בער 4. באַרג 5. באַנק 6. ביסל 7. ביליק 8. ברויט 9. בראָנפֿן 10. ברונעם 11. בלאָזזאַק 12. באַלעבאָס (בעל־הבית) 13. ברילִיאַנט 14. ביאָגראַפֿיע.

[ענטפֿער אויפֿן סודאָקו נומ׳ 76]

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ו | ז | ט | ח | א | ד | ג | ב |
| א | ג | ט | ו | ב | ד | ה | ז | ח |
| ד | ח | ב | ז | ג | ה | א | ו | ט |
| ז | ה | ו | א | ט | ח | ב | ד | ג |
| ט | א | ג | ד | ו | ב | ח | ה | ז |
| ב | ד | ח | ה | ז | ג | ט | א | ו |
| ו | ז | ה | ח | א | ט | ג | ב | ד |
| ג | ט | א | ב | ד | ו | ז | ח | ה |
| ח | ב | ד | ג | ה | ז | ו | ט | א |



# ב !

אַזוי ווי דאָס איז אונדזער צווייטער נומער פֿונעם יאָר – נומער ב׳[1] הייסט עס – דרוקן מיר אָפּ אַ רעטעניש[2] מיטן אות[3] ב. דאָס שפּיל איז דערשינען אינעם באַרימטן צווישנמלחמהדיקן[4] ייִדישן קינדער־זשורנאַל גריניקע ביימעלעך (נר׳ 18, יאַנואַר 1928). ענטפֿערס דערנעבן (מיטן קאָפּ אַראָפּ).

1. דער נאָמען פֿון אַ פֿרוכט : ב _ _
2. אַ טייל פֿון פּנים[5] : ב _ _
3. דער נאָמען פֿון אַ חיה[6] : ב _ _
4. אַ הויך אָרט : ב _ _ _
5. אַ זיצפּלאַץ : ב _ _ _
6. אַן אַנטאָנים צו סך : ב _ _ _
7. אַ סינאָנים פֿון וואָלוול[7] : ב _ _ _ _
8. אַ זאַך, וואָס קיין מענטש קען אָן דעם ניט אויסקומען[8] : ב _ _ _ _
9. אַ געטראַנק : ב _ _ _ _ _
10. אַ פֿאַרטיפֿונג, ווו עס געפֿינט זיך וואַסער : ב _ _ _ _ _
11. אַ מכשיר[9] אין אַ קוזניע[10] : ב _ _ _ _ _ _
12. אַן אייגנטימער[11] פֿון אַ הויז : ב _ _ _ _ _ _ _
13. אַ טײַערער שטיין : ב _ _ _ _ _ _ _
14. אַ לעבנס־באַשרײַבונג : ב _ _ _ _ _ _ _ _

1. BEYS la lettre [B] et le chiffre "2"/the letter [B] and the number "2" 2. devinette/riddle 3. OS lettre (alphabet)/letter (alphabet) 4. TSVISHNMILKHO'MEDIKN de l'entre-deux-guerres/interwar 5. PONEM visage/face 6. KHAYE animal 7. bon marché/cheap 8. s'en passer/do without 9. MAKhshir outil/tool 10. forge 11. propriétaire/owner.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס